# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# ע' מן הבאר ההוא ישקו העדרים

**פרשת כי תצא**



## כיתה ח' (א-ב)

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**
**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפרשת כי תצא

**כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלוקיך בידך.** והקשו המפרשים דהול"ל כי תלחם עם אויביך, ולמה כתבה התוה"ק כי תצא. ב) בספרי איתא על אויביך "כנגד" אויביך וכו'. וקשה מה הוסיף הספרי על משמעות הכתוב. ואפ"ל על פי הידוע מספה"ק דבמלחמת היצר הכתוב מדבר, והנה איתא במד"ר בפרשת בלק שכשראה בלעם שלא יוכל לקלל את ישראל ובמלחמה וודאי שלא יוכל לנצחם, נתן עצה למואבים שיתחברו עם ישראל וכך יוכלו להחטיאם, והיו המואבים אומרים לישראל למה אנו אוהבים אתכם ואתם שונאים אותנו כולנו בני איש אחד נחנו בני תרח אבי אברהם, אם אין אתם רוצים לאכול מזבחנו (מפני שהם נבלות וטרפות) הרי לכם עגלים ותרנגולים שחטו אותם כמצותכם ואכלו וכו', ונתפתו ישראל אחרי דבריהם ואכלו ושתו ממה שנתנו להם וע"י כן נכשלו וחטאו בבנות מואב ובבעל פעור, ע"כ. ואפ"ל שלזה רמזה כאן התוה"ק דעצת היצה"ר היא כעצת בלעם להכשיל את ישראל אף את הכשרים בהם שיתחברו עם הרשעים, ומטעה אותם שבהתחברות עמהם יוכלו ללחום עם הרשעים נגד עצתם בעקירת הדת והתוה"ק, אבל החוש יעיד להיפך דבהתחבר עמהם יסכים לכל תועבותם ונעשה משוחד להם ע"י הכבוד וההנאה שמקבל מהם. וזהו שאמר הכתוב "כי תצא" למלחמה, כשאתה נלחם מלחמת היצה"ר עם אויבי ה' התנאי הראשון הוא שאתה צריך לצאת מהם ולהבדל מהם, וז"ש הספרי על אויביך, כנגד אויביך, שלא תטעה לומר שאפשר להלחם ע"י התחברות, ע"כ הזהיר בספרי שרק כנגד אויביך, שתנאי המלחמה תהי' בהתנגדות עם אויביך, ואז ונתנו ה' אלוקיך בידך.

**(דברי יואל)**

**כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה"א בידיך ושבית שביו.** ואיתא בספרי על אויביך, כנגד אויביך, ונתנו ה"א בידיך, אם עשית כל האמור בענין, סוף שה' נותנו בידיך, וצ"ב. ונראה על פי מה שפירש המגיד מדובנא ז"ל באוהל יעקב (פ' קדושים בשפת היריעה) מאמר הגמרא (שבת לא.) בההוא גר שבא לפני הלל ואמר גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת, אמר לו דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושא זיל גמור, משל לרך בשנים שנפלה לו ירושה גדולה ולא ידע מה לעשות, בא לפני דודו ושאל עצה מפיו, ויעש דודו בערמה ולקח הרכוש מאתו לעשות בהם משא ומתן, ושוב כיזב בו לאמר שהפסיד במסחר, והנער כראותו שרכושו הולך וחסר, וילך אל איש חכם ושאל ממנו עצה, ויאמר לו מה יועיל לך עצתי ודודך מייעץ לך ההיפך, על כן טרם כל אודיעך דבר אחד כי דודך שונא אותך ומבקש רעתך, ואם תקח הדברים האלה אל לבך ולא תטעה עוד לחשוב עליו שהוא אוהבך, אז יקל עלי ליעצך כדת מה לעשות. והנמשל כי היצר הרע הוא השונא של האדם, כמו שאמרו חז"ל (סוכה נב.) שלמה קראו שונא, אלא שהוא מראה פנים כאוהב וריע, ועל כן אמר הלל, טרם הכל אודיעך דבר אחד הכולל כל טובתך והצלחתך, דעלך סני, פי' היצר הרע שהוא שונא שלך, לחברך לא תעביד, שלא תעשה אותו לאח וחבר, ואידך פירושא זיל גמור, עכ"ד ודפח"ח.

בס"ד

ומעתה יתבאר לן דברי הספרי, כי תצא למלחמה על אויביך, כנגד אויביך, דהנה מבואר בזוהר חדש בפרשתן (דף צו.) על אויביך דא יצר הרע, דאיהו שנאיה דבר נש. ולזה הזהיר הספרי כי במלחמה זו שהוא מלחמת היצר, צריך לדעת כלל גדול לעמוד תמיד כנג"ד אויבי"ך, ואף בשעה שהיצר הרע מראה פנים כאח וריע, חלילה להתקרב אליו ונגוע בקצהו, כי באם מתחיל האדם להתקרב אליו, מהרה ילכד במצודתו, אלא צריך לעמוד כנגד אויביך הרחק כמטחוי קשת, ודעלך סני לחברך לא תעביד, ועל זה דרש הספרי אם עשית כל האמור בענין, היינו מה שהזהיר הכתוב כי תצא למלחמה על אויביך, שיכיר וידע תמיד שהיצר הרע הוא השונא והאויב שלו, ודעלך סני לחברך לא תעביד שלא יניחנו להתקרב אליו כאח וריע כלל וכלל, סוף שה' אלהיך נותנו בידך, שיזכה להכניעו ולנצחו ויהא יצרו מסור בידו, אבל אם ידמה בעיניו שהיצר הרע אוהבו ומבקש טובתו, סופו ליפול ברשתו ויהא הוא מסור ביד יצרו ח"ו.

(ברך משה)

**זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים, תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח.**

פרעגט דער חתם ספר פארוואס איז געדאפלט די מצוה מיט צוויי לשונות, זכור את אשר עשה לך עמלק, און לא תשכח. ענטפערט דער חתם סופר אזוי, עס שטייט פריער ביי די מצוה פון שכחה, כי תקצור קצירך בשדה ושכחת עומר בשדה וגו' למען יברכך ה' אלהיך בכל מעשה ידיך. זאגט רש"י שעל ידי השכחה מברכו ה' שמתפרנס עני על ידו. איז די כוונה אזוי ווי די גמרא דערציילט אין מס' ב"ב (דף י.) אז רבי יוחנן בן זכאי האט גע'חלומ'ט אויף זיין שוועסטער'ס קינדער אז זיי וועלן פארלירן פון זייער פארמעגן זיבן הונדעט דינרין, איז א גאנצע יאר האט ער פון זיי געבעטן צדקה, כדי עס זאל אזוי מקויים ווערן די גזירה. במשך די יאר האט ער פון זיי גענומען זעקס הונדערט און דריי און אכציג דינרין. סוף יאר האט דער מלך זיי גענומען און איינגעשפארט, האט זיי געזאגט רבי יוחנן 'ענק דארפן נישט מורא האבן, מען וועט פון ענק בעטן נאר זיבעצן דינרין', האבן זיי אים געפרעגט פון ווי ווייסט ער פון דעם, האט ער זיי דערציילט פון די חלום וואס ער האט געהאט אז ענק וועלן פארלירן זיבן הונדערט דינרין, און לויט די חשבון פון די צדקה וואס ענק האבן געגעבן די יאר, האט אויסגעפעלט נאר זיבעצן דינרין, האב איך געוויסט אז נאר די סומע וועט מען בעטן פון ענק. פון דעם זעעהן אונז אז ווען עס איז באשערט פאר א מענטש א געלט שאדן, מאכט דער אויבישטער אז דורך די צדקה וואס ער גיט ווערט עס אראפ גערעכנט, און דאס איז די סיבה פארוואס עס איז דא די מצוה פון שכחה, ווייל דורך דעם וואס ער איז מקיים די מצוה פון צדקה, ווערט גערעכנט אז ער האט שוין באקומען זיין שטראף, און יעצט וועט שוין זיין למען יברכך ה' אלהיך בכל מעשה ידיך. דאס איז אבער נאר אין גלות, אבער נאך מחיית עמלק, וועט דאך שוין נישט זיין קיין שיעבוד מלכיות, און אויך אלע גזירות און צרות וועלן בטל ווערן, וועט שוין נישט דארפן זיין קיין שכחת העומר. דאס זאגט דער פסוק, 'זכור את אשר עשה וגו' תמחה את זכר עמלק', און עס וועט זיין די גאולה שלימה, דעמאלטס וועט זיין 'לא תשכח', מ'וועט שוין נישט דארפן פארגעסן קיין עומר אין פעלד, כדי מ'זאל פטור ווערן פון שיעבוד מלכיות.

בס"ד

# הילולא דצדיקיא

י"ב אלול

## הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי"ע

### בן הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאבל זי"ע

**דער** הייליגער טשערקאסער איז אמאל געקומען צו פארן צו א 'גוט-באזיצער' וואס האט געהאט גרויסע נכסים, ער איז געקומען צו אים אין שטוב, און ער פרעגט אים צי ער קען אים געבן א פערד במתנה? זאגט דער איד אז יא, זאגט דער טשערקאסער אז ער וויל זיך אליינס גיין אויסקלייבן וועלכעס פערד ער וויל. גייט ער אריין אין שטאל, און ער ווייזט אן אויף איינע פון די פערד אז דאס וויל ער האבן. דער איד פרובירט זיך צו דינגען "רבי, עס מוז זיין דוקא דער פערד, אפשר איז גוט א צווייטע פערד?", אבער דער טשערקאסער האלט זיך ביי זיינס אז נאר דעם פערד דארף ער.

**דער** איד האט נישט פארשטאנען וואס איז דער חילוק צווישן דעם פערד און די אנדערע פערד, דער בעה"ב האט געוויזן אויף א צווייטע פערד "דער פערד איז זייער א גוטער פערד, ווען מ'פארט אריין אין א בלאטע, וואס פארא פראבלעם איך האב, שפאן איך איין דעם פערד און ער נעמט מיך ארויס פון אלע פראבלעמען". אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי זיינס 'איך וויל דוקא דעם פערד'. ווען ער האט געזעהן אז ער האלט נישט ביים געבן דאס פערד איז ער צוריק אריינגעגאנגען אין שטוב.

**זייענדיג** אין שטוב זאגט ער איהם "אפשר קען איך זעהן דיינע ביכער?!", נו, אז דער רבי וויל זעהן די ביכער, נעמט ער ארויס זיינע פאפירן און צעטעלעך, בקיצור, דארט זענען געווען פארשידענע שטרות, וועקסלען [שטרי חובות], דער רבי גייט דאס אריבער, און ער שטעלט זיך אפ ביי איין וועקסל, א שטר, און ער פרעגט וואס איז דאס?

**זאגט** דער בעל אכסניא אז איינער איז אים שולדיג געבליבן געלט, און יענער איז געשטארבן, און ער זעהט נישט א וועג ווי אזוי ער זאל קענען איינמאנען דעם חוב.

**זאגט** איהם דער רבי "אויב אזוי איז דאס דאך שוין נישט ווערט אסאך, אפשר גיסטו מיר במתנה דעם וועקסל?" זאגט ער יא רבי, מסכים איך גיב אוועק דעם שטר. דער רבי זאגט אים יישר כח, דאס וועקסל איז מיינס. און דער טשערקאסער רופט אוים "איך בין מוחל דעם חוב! מוחל דעם חוב! מוחל דעם חוב".

**אויף** איינמאל הערט מען א קלאפ אין שטאל, ווען מ'איז געגאנגען קוקן וואס דאס איז, זעהט מען ווי דער פערד וואס דער רבי האט פריער געהאט געבעטן, ליגט אויסגעצויגן טויט, יעדער איז שטיין געבליבן, וואס איז דא געשעהן?

**האט** דער רבי געזאגט ווען ער ווייזט אויפן וועקסל "דער איד איז שולדיג געבליבן געלט, פון הימל האט מען אים אראפגעשיקט [מגולגל אינעם פערד] אז ער זאל מוזן באצאלן דעם חוב, מיט דעם וואס ער וועט ארבעטן פאר דיר, אבער מיט דעם וואס דו האסט מיר געגעבן דעם חוב, און איך האב דאס מוחל געווען, האט ער געהאט זיין תיקון, און ער האט געקענט קומען למנוחתו".